**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פאראַרדנט פענער צו אראפגענידערט ווערן צו די האלבע הייעך אין עהרע פון געפאלענער דזשענעסי קאונטי סארדזשענט

***פענער צו אראפגעלאזט ווערן צו האלב הייעך צוזאמען מיט נאך א צוועק אום מערץ 16***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראַרדנט אַז די פענער אויף אלע סטעיט געביידעס זאלן אראפגענידערט ווערן צו האלב-הייעך פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג אום מערץ 16 אין עהרע פון געפאלענער דזשענעסי קאונטי סארדזשענט טאמאס א. סאנפראטעלאָו. סארדזשענט סאנפראטעלאָו האט אויך געדינט אלס באורד מיטגליד פאר די טאון אָוו אלעקסאנדער. די אנדענק אקט איז אין די זעלבע צייט מיט די באפעל פאר פענער צו אראפגעלאזט ווערן וואס איז שוין אין קראפט אין עהרע פון ניו יארק נעשענעל גאַרד מיטגלידער קעיסי פרענקאסקי און דזשאן גרעסיע וועלכע זענען אומגעקומען דורכאויס א פעדעראלע מיסיע ביי די דרום גרעניץ.

"פון די טאון באורד ביז די שעריף'ס אפיס, האט סארדזשענט טאמאס א. סאנפראטעלאָו אוועקגעגעבן זיין לעבן צו פארבעסערן די לעבנס פון זיינע שכנים און צו באשיצן זיין קאמיוניטי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין הארץ גייט אויס פאר סארדזשענט סאנפראטעלאָו'ס פאמיליע און באליבטע. זאל די קוראזש וואס ער האט געוויזן דורכאויס א לעבן פון דינסט זיין א טרייסט פאר די וועם ער האט איבערגעלאזט."

אום מערץ 10, 2024, איז סארדזשענט סאנפראטעלאָו אומגעקומען אויפן דינסט אין בעטעיוויע, ניו יארק. קומענדיג אריגינעל פון בעטעיוויע, האט סארדזשענט סאנפראטעלאָו געדינט אין געזעץ אינפארסירונג פאר מער פון צוואנציג יאר. ער האט איבערגעלאזט זיין מוטער, דאראטי; זיינע קינדער, איען, קיילע און אלעקסיס; און צאללאזע אנדערע פאמיליע און פריינט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן